## דער אָדלער און דער מוילוואָרף

צוויי, דער אָדלער און דער מוילוואָרף, הויך געפלויגן,
ווײַט געצויגן —
איינער, ווי געווײנטלעך, מיט די פליגל
און דער צווייטער מיט דער מאַכט פון מלך שלמהס זיגל.
זיבן טעג געפלויגן, אויפן אַכטן
אָנגעקומען צום גן־עדן־תּחתּון.
(אָנגעזאָגט זיי שלמה: „דעם גן־עדן מיר באַטראַכטן!
פאָרשן, אויסקוקן מיט שאַרפן בליק!
דאָרט דער זין פון לעבן, דאָרט דער סוד פון גליק,
דאָרט דער פּתרון פון מײַן חלום, וואָס איך מוז אים ערשט באַשיידן!״

אָנגעקומען ביידע צום גן־עדן,
עפנט זיך פאַר זיי אַ וועלט, אַ וועלט שפּולה ווונדער.
און אַ יעדער ווונדער איז אַ וועלט פאַר זיך באַזונדער,
און אין יעדער וועלט אַזוי פיל און אַזוי פיל שפּיגלען,
און אין יעדן שפּיגל ריגלען־אויף זיך און פאַרריגלען
טויערן־טירן,
וואָס זיי פירן
דיך אין נײַע וועלטן זיך פאַרלירן.
טראַכט דער אָדלער זיך: „אַבי
כ׳האָב געמיינט, איך פלי
און איך קוק מיך צו צו יעדן קליינינקייט, צו איטלעכס פּיצעלע באַזונדער.

יאָ, איך זע שוין, ניט געבוירן פאַר דער זון דער,
ווער זיך יאָגט נאָך יעדן איינעם פון די שטראַלן —
לאָז־אַראָפּ זיך דו צו איינציקייטן, ווערסט אויף אייביק דו פאַרפאַלן
אין איין טויער, אין איין שפּיגל;
העכער מוז מען הייבן דאָ די פליגל,

איבער אַלץ און איבער אַלעמען זיך שטעלן
און זיך באָדן פונדערוויַטנס אין די גלאַנצן
פונעם גאַנצן —
אַלדינגס אַרומנעמען, באַנעמען מיט אַ קוק אַ העלן!
אָ, דאָס מוז מען קענען, ווייניק נאָך דאָס וועלן!״
איז דער אָדלער דאָך אַ פליער אַ געניטער,
פליט ער,
פליט ער און סע שפרייטן־אויס פאַר אים זיך אונטן,
אין אַ פאַנטאַזיע־וווּנדער אין אַ בונטן,
לאַנדשאַפטן און שלעסער, שלעסער איבער שלעסער —
שלעסער פון קרישטאָל
און מערמלשטיין און העלפאַנטביין. און וואָס אַמאָל
זונען שפּאָגל־נײַע, אָקערשט פון די פּוטער־פעסער,
ערגעץ אויף אַ קופּאָל, אויף אַ טורעם אויף אַ רונדן —
אָט געשפּיגלט זיך אין רעגנבויגנס, אָט פאַרשוווּנדן.
און אַרום און איבער אַלץ אַ שבת־רו אַ שטילע.
און דער וווּנדער וויקלט זיך, צעוויקלט זיך ווי אַ מגילה
איבער ווערסטן, איבער מײַלן: יעדעס וואָרט מיט זיבן מיינען,
יעדער מיין מיט זיבן חנען —
און דער אָדלער קוקט פונוויַטנס, קוועלט, און קען ניט לייענען. —
און דער מוילוואָרף איז באַשיידן און ער זאָגט: „פאַרקערט!
גראָבן דאַרף מען אין דער ערד,
אין דער טיפקייט, און ניט פליען הויך אין הימל —
זיך דערגראָבן מוז מען צו די וואָרצלען פון די זאַכן!
זאַכן! זאַכן אָן אַ שיעור, אין ווייס איך וויפל פאַכן!
גאַנץ גענוג אַ זאַך: אַ בוים, אַ ביימעלע, אַ בלימל —
זיך צום וואָרצל־שטענגל פון איין בלימעלע דערשלאָגן!
נאָר דעם אמת מוז מען זאָגן,
אַז דאָס גאַנצע וואָרצל־שטענגל
לייגט זיך אויבעט אויפן שכל ווי אַ קלעצעלע, אַ דרענגל —
אויך צו פיל! דער וואָרצל האָט ערשט פעדעמלעך און הערעלעך,
שפּע־ און חיונה־רערעלעך —

איינס אַ הערעלע אַזאַ צעברעקל און צעפּיצל
און געפּין־אַרויס דאָס שפּראָצלינגל, דאָס שפּריצל,
ווי צווישן יאָ און ניין, דאָרט ערגעץ אין אַ קריצל,
ליגט דער אָנהייב און דער סוף פון גרויסן רצון
און דער סוד פון גליק, פון לעבן און פון שפּראָצן.
נאָר דאָס הערעלע, דאָס רערעלע איך זע פאַר מיר אַצינד,
פאַרן גאַנצן איבריקן איך בלינד,
אַלץ פאַרזונקען אין אַ ים פון טויטע ראָבן,
און די ראָבן דאַרף איך אויך ניט האָבן —"
זאָגט דער מוילוואָרף און ער נעמט זיך גראָבן, גראָבן —
זוכט די אוצרות, וואָס זיי ליגן
טיף פאַרבאָרגן אין גן־עדן
ערגעץ אינעם שאַרבן פונעם זיידן
פון די פליגן.
און דער סוף: וואָלט שיין געווען אפילו פאַר אַ ליגן,
ווען ער איז קיין וואָר ניט:
אי דער אָדלער, אי דער מוילוואָרף דאָרט געפאָרשט, געפאָרשט אַ יאָר,
און דער שפּיץ — דער אָדלער ווייסט ניט גאָרניט וועגן גאָר
און דער מוילוואָרף אַלדינגס ווייסט ער וועגן גאָרניט.